# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Ofgang afn Dnyeper

**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פּערעץ**

**Mosḳṿe, 1937**

37

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240**

Visual Library

## 37

דעם ערשטן קרעכצ
האָט אוראָם־הערש
געגעבנ אינ שפּיטאָל.
געווענ איז שטיל.
ס'האָט אפ טרובאנ געווארט דאָרט;
א טויבער ראש — געקײַקלט דורכנ טאָג —
געטראָגנ האָט זיכ ווי פונ ווײַטע שלאכטנ.
ס'האָט אופגעכאפּט זיכ אוראָם-הערש פונ שלאָפ.
דעם קאָפּ געפּרוּווט אונ ניט געקאָנט א דריי טאָנ.
מ'האָט אינ דער שטילקײַט יעדערער געהערט געלאָפּ,
אונ דורכנ פענצטער האָט געשפּארט דער הימל א פארשנייטער.
מ'האָט ניט געהאט אראָפּגענומענ נאָכ פונ אימ דאָס אָנטאָנ,
ערגעצ פונ ווײַט געגאנגענ איז זײַנ אָטעם שווער.
ס'האָט זיכ געדאכט, אז זייער נאָנט דאָ
דארפ ערגעצ ליגנ א דערהארגעט פערד.
א ריר געטאָנ האָט זיכ די היצ מיט קרעכצנ טויבע

און ווידער א פארזינק דורכ פינצטערניש און ליכט.
טרובא האָט שטיל די דעק פונ אימ פארהויבנ
און פונדאָסנײַ זיכ אײַנגעקוקט אינ זײַנ געזיכט. —
ווי נאָכ א שלאכט געשלאָפנ וואָלט אזא מינ גיבער,
וואָס אופוועקנ עס קאָנ אימ ניט דער גרעסטער ראש,
נאָר אונטער די פארמאכטע אויגנ — גריבער,
און אינ די גריבער — אש.
די הויט געוועננ איז ערדיק־גרוי, ווי בא א פעלדז.
די באָרד, ווי ווילדגראָזנ קאפויר, צעטראָטנ.
אריבער אלעמאָל ז'אנ אנדערער די שוועל
מיט א פארטײַעטנ געהאקטנ אָטעמ.
מ'האָט שוינ געוווּסט: געפלאצט עס האָט בא אימ די לעבער,
און קלאָר געוואָרנ איז מיט יעטווידער מינוט,
אז אפ אימ אופהייבנ צוריק צומ לעבנ
וועט מענ אימ מוזנ געבנ בלוט.

וואָס מענטשנ מער — אלצ שטילער איז געוואָרנ.
געשטאנענ איז עלקאָנע. שוועסטער. און טרובא;
דער דאָקטער האָט געוווּנקענ און געקוקט פארלאָרנ:
מע מוז אימ בלוט אריבערגיסנ באלד!
און ער איז גרייט. די שוועסטער זײַנענ פארטיק.
און אלצ איז דאָ אונטער דער האנט.
— כאָטש, אייגנטלעכ, — האָט ער אימ נאָכאמאָל באטראכט דאָרט, —
איז זײַנענ האָפענונגענ זייער קנאפּ פאראנ.
מע דארפ זײַנ גרייט צו אלצ, — האָבנ די ווערטער זיכ געפלאָכטנ.
ער זאָגט עס וועגנ דעמ דערפאר,
ווײַל ס'וואָלט אנ אנדערער געבליבנ אפנ אָרט דאָרט...
וועג ניט אזא מינ גוואר.

איז וועט מענ צוטרעטנ, ס'איז אלצדינג פארטיק.
מע דארפ באשליסנ נאָר — בא וועמענ בלוט מע נעמט.
געגאנגענ איז צומ סאָפ די צווייטע וואכטע,
די נאכט האָט ביידע ברעגנ שוינ פארקלעמט.
דער דניעפּ איז אויכ געלעגנ אינ זײַנ ברעגיק אָנטאָנ
מיט א געפּאלמעסטנ, צעהאקטנ בויכ;
עס האָט א דרײַסיקטויזנטיקע מענגע, טיפ פארטאָנ דאָרט,
איבערגעגאָסנ זינענ אימ אפ אופשטײַג אינ דער הויכ.
נאָר דאָ איז שטיל. דער ראש ט'אהערצו ניט דערגרייכט
פונ פלאצנדיקע בערג אונ פעלדזנ;
עס עפנט זיכ די טיר. אונ פענעמער, ווי רויכ,
אונ ווער — ארײַנ, אונ ווער — עס שטעלט דאָרט אפ דער שוועל זיכ.

וואָס מענטשנ מער — אלצ שטילער איז געוואָרנ.
געשטאנענ איז עלקאָנע. שוועסטער. אונ טרובא.
דער דאָקטער האָט געוווּנקענ אונ געקוקט פארלאָרנ:
— איז ווער... וועט געבנ בלוט?.. מע דארפ עס באלד!.. —

א ריר האָבנ זיכ אלע גלײַכ געגעבנ,
א יעדער ט'זיכ דערנענטערט אפ א שפאנ;
עס האָבנ אלע אויסגעשטרעקט באגלײַכ דאָס לעבנ,
נ'אמנאָענטסטנ געשטאנענ איז טרובא.
איז אפנ ליגנדיקנ נאָכאמאָל א קוק געטאָנ דאָרט
אונ אפנ דאָקטער אונ אפ ביידע זאלבענאנד;
אונ שנעל א פּאָרע זיכ געגעבנ מיטנ אָנטאָנ,
אונ אויסגעשטרעקט א פעסטע טאטוירטע האנט:
איז וואָס זשע זאמט מענ זיכ? איז וואָס זשע ווארט מענ?
אפּג'כ ארופגערוקט דעמ ארבל פונ דעמ העמד, —

קיין אנדערע זײַנען ניטאָ נאָך פון דער וואכטע,
נ׳די האנט, ווי אפ דער וואך, א חיִב געגעבן: נעמט!

דער אופרופ צו דער דריטער וואכטע ט׳זיך געהערט שוין,
געקוקט האָבן פארווּונדערט אויסגעשטרעקטע קעפ,
ווי ס׳טײלט דאָס לעבן דאָרט טרובא מיט אוראָם־הערשן,
נ׳ווי ס׳ציינדן פײַערן זיך אָן דאָרט אפן דניעפ.